Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Rebe Meʾir Bal ha-Nes

Mezaḥ, Yehoshuʿa

Ṿilna, 662 [1901 oder 1902]

בי.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12911

Visual Library

זָאלְעֶן אִיהם אוֹיפְהַייְנְגֶען , ווִיאַבַּדִיא קְנֶעכְט הָאבֶּען אִיהם גִיוָואלְט אוֹיפְהַייְנְגֶען הָאט דָער סְטַאטְרִיטָעל גֶעזָאגְט : „מַאִירְ׳ס נָאמֶען עֶנְטְפָּער מִיר״ ! דָעם קֶענִיגְס קְנֶעכְט הָאבֶּען אִיהם נִיט נָעקָאנְט אוֹיפְהֵייְנְגֶען . דָער קֶענִיג הָאט דִיא זַאךְ גִיהֶערְט. הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גָעוואוּנְדֶערְט , דָער סְטַאטְרִיטָעל הָאט דָעם קֶענִיג עֶרְצֵיילְט וָואס רבי מאיר הָאט גֶעמַאכְט אוּנ וָואס עֶר הָאט אִיהם בֶּעפוֹילֶען , אִיז דָער קֶענִיג אִין כַּעַס גֶעוָוארֶען אוֹיף רבי מאיר׳ן , עֶר הָאט גֶענוּמֶען זַיין בִּילְד אוּנ הָאט קוֹפִּירְט פוּן אִיהם פִיל בִּילְדֶער אוּנ עֶר הָאט צוּ שִׁיקְט אִין גַאנְצֶען לַאנְד רוּים , אוּנ דָער קֶענִיג הָאט נָעלָאזְט בֶּעקַאנְט מַאכֶען : וֶוער עֶס וֶועט סַאפֶּען רבי מאיר׳ן וֶועט אִיהם דָער קֶענִיג רֵייךְ מַאכֶען .

דָער קֶענִיג הָאט אַרוֹים גֶעשִׁיקְט שְׁפְּיָאנֶעם זוּכֶען אִיהם . אַמָאל הָאבֶען אִיהם דִיא שְׁפְּיָאנֶעם גֶעטְּרָאפֶען אִיז עֶר פוּן זֵייא אַנְטְלָאפֶען אִין אַשֶׁענְקְלִיכֶע הוֹיז , אַנְדֶערֶע זָאגֶען דָאס אֵלִיָהוּ הַנָבִיא הָאט זִיךְ פַאר קְלֵיידֶעט אִין פְרוֹיעֶן קְלֵיידֶער אוּנ זֵייא הָאבֶען זִיךְ גֶעקוּשְׁט , אִין יֶענֶער צֵייט הָאט מֶען גִינֶעסֶען טְרֵיפָה פְלֵייש , הָאט רבי מאיר גֶענוּמֶען מִיט זַיין הַאנְד אַשְׁטִיקֶעל טְרֵיפָה פְלֵייש אוּנ עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט עֶסְסֶענְדִיג , וְויא דִיא שְׁפְּיָאנֶען הָאבֶּען דָאס גִיזֶעהֶען הָאבֶען זֵייא גֶעזָאגְט : דָאס אִיז נִיט רבּי מאיר דָער יוּדִישֶׁער גִילֶעהְרְטֶער וָועלְכֶען מִיר זוּכֶען . יֶענֶער רבי מאיר וֶועט זִיךְ נִיט קוּשֶׁען מִיט אַיין נְקֵבָה אוּנ עֶר וֶועט נִיט עֶסֶען טְרֵיפָה פְלֵייש , דוּרךְ דָעם אִיז רבי מאיר גִירֶעטֶעט גִיוָוארֶען פוּן זֵייעֶרֶע הֶענְד , אוּנ עֶר אִיז אַנְטְלָאפֶען אִין בָּבֶל .

## יב.

רבי מאיר אוּנ רבי יְהוּדָה אוּנ רבי יוֹסֵי זֵיינֶען אַיין מָאל גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דָעם וֶועג . עֶרֶב שַׁבָּת זֵיינֶען זֵייא גֶעקוּמֶען אִין אַפְרֶעמְדֶע שְׁטָאדְט אוּנ זֵייא הָאבֶען אַיינְגֶעקֶעהְרְט אִין אַהָאטֶעל .

רבי יהודה אונ רבי יוסי הָאבֶּען זֵייעֶרֶע גֶעלְד גִינֶעבֶּען בֶּעהאלְטֶען דֶעם בַּעַל הַבַּיִת, אָבֶּער רבי מא״ר הָאט גֶענוּמֶען זַיין גֶעלְד אוּנ אַוֶועק גֶעטְרָאגֶען אוֹיף דֶעם בֵּית עוֹלָם אוּנ הָאט זַייא בֶּעגְרָאבֶּען אִין אַקֶבֶר, אִין קֶבֶר אִיז גִילֶעגֶען דֶעם בַּעַל הַבַּיִת פָאטֶער.

פְרַייטִיג צוּ נַאכְט אִיז גֶעקוּמֶען דֶער טוֹיטֶער צוּ חָלוֹם זַיין זוּהן אוּנ הָאט צוּ אִיהם גֶעזָאגְט: גֵייא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּנ נֶעהם אַרוֹיס דָאס גֶעלְד וָואס אֵיינֶער פוּן דַיינֶע גֶעסְט הָאט בַּאגְרָאבְּען בַּייא מִיר אִין קֶבֶר צוּ קָאפֶּען. דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט אוֹיפְגֶעוַואכְט פוּן שְׁלָאף אוּנ עֶר הָאט זַיין חָלוֹם עֶרְצֵיילְט רבי מאיר׳ן, הָאט רבי מאיר אִיהם גֶעזָאגְט דָאס וָואס אַמֶענְשֶׁען חָלוֹמְ׳ת זִיךְ שַׁבָּת בַּייא נַאכְט אִיז לִיגֶען. פוּן דֶעסְט וֶועגֶען הָאט רבי מאיר מוֹרָא גֶעהַאט פִילַייכְט וֶועט עֶר דָאךְ גֵיין זוּכֶען דָאס גֶעלְד, אִיז רבי מאיר בַּאלְד דָאס מָארְגֶענְס אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם קֶבֶר אוּנ הָאט דָארְט פַארְבְּרַאכְט דֶעם גַאנְצֶען טָאג בִּיז נַאכְט, וִויא עֶס אִיז נַאכְט גֶעוָוארֶען הָאט רבי מאיר גֶעדַאוֶוענְט מַעֲרִיב אוּנ הָאט זַיינֶע גֶעלְד אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן קֶבֶר אוּנ אִיז גֶעקוּמְטֶען אַהֵיים אִין הָאטֶעל.

זוּנְטִיג הָאבֶּען רבי יהודה אוּנ רבי יוסי גֶעבֶּעטֶען דֶעם בַּעַל הַבַּיִת זֵייעֶר גֶעלְד, הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּא זַייא אִיהר הָאט מִיר קֵיין גֶעלְד גִינֶעבֶּען.

— בְּלַייבְּט רוּהִיג — הָאט רבי מאיר גֶעזָאגְט צוּא זַיינֶע חֲבֵרִים — שְׁטַארְקְט אַייךְ אוּנ פָאלְט בַּייא זִיךְ נִיט אַרָאפּ אִיךְ וֶועל אַייעֶר גֶעלְד פוּן אִיהם בֶּעקוּמֶען. אָבֶּער דֶערְוַוייל אִיז אִיהר זָאלְט מִיר פָאלְגֶען, אוּנ טָאהן דָאס וָואס אִיךְ וֶועל טָאהן, קוּקְט אוּנ שְׁוַוייגְט.

רבי מאיר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ רֵיידֶען מִיט דֶעם בַּעַל הַבַּיִת פוּן הָאטֶעל אוּנ עֶר הָאט צוּ אִיהם גֶעזָאגְט:

אַזוֹי וִויא מִיר זַיינֶען מִיט דִיר צוּ פְרִידֶען, מִיר הָאבֶּען

נעהאט אפערנעניגענדען שבת, ווילען מיר דיר דאנקען או אבשייד נעהמען פון דיר פריילידך לוסטיג, דארום פערלאנג איך פון דיר דוא זאלסט גיין מיט אונז אין אין וויין הויז מיר װעלען דארטען טרינקען צו בעכער וויין אויף אונזער רעכענונג.

— דיין פערלאנג — האט דער בעל הבית גיענטפערט — געפעלט מיר זייער גוט. איך גייא מיט אייך.

רבי מאיר מיט זיינע חברים אונ דער בעל הבית פון האטעל זיינען אוועק געגאנגען אין אוויין גישעפט אונ רבי מאיר האט איהם גוט אנגעשיכערט, רבי מאיר האט זיך אין בעל הבית נוט איינגעקוקט אונ ער האט גיזעהען דאס ביא איהם אין בארד ליגען לינזען, האט רבי מאיר געזאגט שטילערהייט צוא זיינע חברים. איהר זעהעט ביא איהם אין בארד זיינען פארן לינדזען, יעצט פארשטייט וואס איהר האט צו טאהן, איך װעל דא בלייבען מיט איהם טרינקען.

רבי מאיר׳ס חברים זיינען שטילערהייט ארויס געגאנגען פון וויין הויז... זיינען געקומען אין דעם האטעל אונ זייא האבען געזאגט צו דיא ווירטהין. דיין מאן האט דיר געלאזט דורך אונז בעטען דאס דוא זאלסט אונז אבגעבען אונזער געלד. אונ אלעס צייכען דאס דוא זאלסט אונז גלויבען, האט ער געזאגט דאס היינט האט איהר גיגעסען לינזען.

דיא פרויא ווירטהין האט זייא געגלויבט אונ זיא האט זייא אבגעבען זייער געלד.

דער ווירטה פון האטעל האט נאכדעם גיהערט וואס זיין פרויא האט געטאהן האט ער פון גרויס כעס איהר געהארגעט מיט אשארפען שווערד, אונ ער האט בעקומען אשטראף וויא אמערדער דארף בעקומען. — אזא ענדע זאלען האבען אללע בעטריגער וואס ווילען דורך פאלשע גישעפטען רייך ווערען:

(ר״מ בעל הנס) בעסער

בעסער אשטיקעל טרוקענע ברויט נאר עהערליכע פארהארעוועטע ,
איידער די בעסטע געריכטען דורך די בעטרוג און פאלשקייט ! —.

## י"ג.

רבי מאיר האט געהאט איין גוטען פריינד זיין נאמען איז געווען יהודה פון ענתות. זייא האבען זיך ביידע זייער ליב געהאט. דער יהודה איז געוועזן אגרויסער רייכער מאן , ער האט געהאט זילבער און גאלד. שאף און רינדער, קעמלען אייזלען און פיל גוטעס , אבער דער מאן איז געוועזן אקארגער. ער האט איין ארעמאן פיינד געהאט , אנויט בעדירפטיגען האט ער אשטיקעל ברויט ניט געוואלט געבען , רבי מאיר האט דערפון געהאט גרויס פארדרוס און ער האט געוואלט דאס יהודה זיין גוטער פריינד זאל ווערען פרימער צו גאט און בעסער צו לייטען , אמאל האט זיך רבי מאיר פארקליידעט , ער האט זיך אנגעצויגען אין בעטלער קליידער, און ער איז אריין געגאנגען צו יהודה'ן אין שטוב , ווייא יהודה'ס קינדער האבען איהם געזעהען האבען זייא איהם גירעכענט וויא אגנב , איז רבי מאיר אנטלאפען און האט זיך בעהאלטען אין שטאל וואו דיא פערד שטייען , ער האט אב-געווארט ביז יהודה מיט זיינע קינדער האבען זיך געזעצט עסען , איז רבי מאיר אריין געגאנגען אין שטוב און ער האט זיך געזעצט בייא דעם טיש וואו זייא זיינען געזעסען , יהודה'ס קינדער האבען אויף איהם געשריען , זייא האבען איהם געוואלט ארויס טרייבען , האט רבי מאיר צו זייא געזאגט ; איך וועל פון דאנען ניט ארויס גיין ביז איך וועל עסען בייא אייך אשטיקעל ברויט , דען איך בין זייער שטארק הונגעריג , יהודה'ס קינדער האבען אויף איהם זיך ערבארעמט זייא האבען איהם געגעבען עסען און טרינקען , אז רבי מאיר האט אבגעגעסען . האט ער גענומען פון טיש אשטיק ברויט און האט דאס געוויזען יהודה'ן און האט געזאגט , איך